

# פונעם מורשת שרייב טישל

## נאטיצן, געפונסן און אנעקדאטן איבער רבנים ואנשי שם אין די בראשית יארן פון אמעריקא

### דער עילוי'שער דאקטאר פון ניו יארק

מיט עטליכע וואכן צוריק האט 'מורשת חכמי אמעריקא' געשיקט א שליח אפירצוזוכן א מציבה אינעם בארא פארקער בית עולם באקאנט אלס די 'וואשינגטאן סעמיטערי'.

די רעדע איז פון א גיגאנטישער בית החיים, און פון צווישן די טויזענטער מציבות זענען מיר געווען פאראינטערעסירט צו טרעפן דער מציבה פון "דאקטאר גאלדבערג". יגעת ומצאת תאמין. מיט די הילף פונעם באאגבטן שריפטשטעלער און בארא פארקער היסטאריקער ר' אלתר יצחק שטייערמאן הי"ו - אליין א חבר אינעם 'מורשת', האבן מיר עס אפגעפונען.

צו פארשטיין וואס עס איז אזוי די אינטערעס אין דר. גאלדבערג'ס מציבה, דארף מען וויסן אז דא רעדט מען גארנישט פון אזא פשוט'ער דאקטאר. אין זיין יוגענט האבן די גרעסטע ליטווישע גדולים וגאונים זיך געטשאטשקעט מיט אים. רבי אליקום יהודה גאלדבערג איז יונגערהייט געווען באקאנט אלס דער "קעלעמער עלוי" און דער "קליינער שאגת ארי".




די באשיידענע מציבה אויפן וואשינגטאן סעמעטערי, וואס ליגט היבש עלענד אליין, פארמאגט די טיטל "איש צדיק תמים וישר" און האט אפילו א "דאקטאר סימבאל" אויסגעקריצט אויף ביידע זייטן. אן אנדייטונג אויפן אינטערעסאנטער כאראקטער און מערקווירדיגער טיפ וואס ליגט אונטער איר באערדיגט.

### דער יונגער עילוי פון קעלם

רבי אליקום יהודא גאלדבערג האט געשטאמט פון א משפחה מיוחסת אין די ליטא. זיין פאטער רבי יעקב ב"ר אליקום געץ ז"ל איז פאר א צייט געווען רב אין די שטאט סאלאנט און שפעטער איז ער ארויף אויף ארץ ישראל ווי ער איז דארט נפטר געווארן אום כ"ג תמוז תרס"ג. די משפחה האט געשטאמט פון גאר א גרויסער יחוס, זייענדיג פון די משפחת טויבער וואס דער ש"ך און דער 'פנים מאירות' האבן זיך גערעכנט פון דער משפחה. ד.ה. אז רבי אליקום געץ איז געווען א זון פונעם גאון וחריף רבי יצחק טויבער וואס איז געווען באקאנט מיטן נאמען "רבי איצעלע ווילנער", אן אייניקעל מגזע הגאונים, מהר"ם מלובלין, של"ה הקדוש, רמ"א, סמ"ע ולמעלה בקודש.

רבי אליקום יהודא גאלדבערג, אדער ווי מען האט אים גערופען אין זיין יוגענט יאהרן – "געצעלע דער עילוי", איז געבוירן אום י"ד טבת תרט"ו אין די שטאט קעלם אין די ליטא. שוין פון זיין פריער יוגענט האט געצעלע ערשטוינט יעדן מיט זיינע שארפזיניגע כשרונות.

זייענדיג בלויז דריי יאר אלט האט ער שוין געלערנט חומש, און א האלב יאר דערויף אויך גמרא. ביי די זעקס יאר האט ער זיך שוין ערווארבן היבש קענטעניס אין עטליכע מסכתות אין ש"ס און שוין אנגעהויבן לערנען מפרשי הש"ס.

איבעראל האט מען געשטוינט וועגן דער "קעלעמער עילוי" און ביי די אכט יאר האט אים זיין פאטער געברענגט קיין קאוונע ווי דער גרויסער גאון און בארימטער צדיק רבי יצחק אלחנן ספעקטאר זצ"ל, האט אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב צו לערנען מיט זיין זון רבי צבי הירש (ראבינאוויץ) - אליינס א גאון און דער צוקונפטיגער מיטאווער רב, וואס איז געווען אכט יאר עלטער פון אים. זיי האבן געלערנט בחבורה אין א דרייערל חברותא, וואס איז אויך באשטאנען פון נאך א בארימטער גאון - רבי יעקב יוסף, וואס איז שפעטער באקאנט געווארן אלס דער 'רב הכולל' פון ניו יארק און וועמען מען האט נאך דעמאלטס גערופן רבי יעקלע חריף. די דריי האבן געלערנט אין א חברותא, כאטש זיי זענען געווען היבש עלטער פונעם יונגען עילוי.



א בליק איבער דאס ליטווישע שטעטל 'קעלעם'

## גדולי עולם טשאטשקענען זיך

זיין נאמען האט גע'שמ'ט איבעראל און פון די גרעסטע גאונים זענען געקומען צו פארן אויף קאוונע זיך צו טרעפן מיט אט דער יונגער עילוי, וועמען זיי האבן א נאמען געגעבען דער "קליינעם שאגת ארי'". צווישן די רבנים וואס זענען געקומען רעדן מיטן קעלעמער עילוי, איז אויסגערעכנט די גדולים רבי אליעזר לאנדא פון ווילקאוויש, רבי דובער פון סערעדניק, רבי אברהם לעווינטהאל פון צייקישוק, רבי משה לעווינסאן פון יארבארג, רבי צבי הירש לאמפארט פון גאדלעווע וסטאלאוויטש און רבי שלמה פיינבערג פון ווילקע. דאס זענען געווען פון די גרעסטע גאונים אין די ליטא בימים ההם און זיי האבן מפליא געווען זיין געוואלדיגער עמקות.

אבער גלייכצייטיג האבן די ארטיגע משכילים אין קאוונע, נישט געקענט צוקוקן ווי עס וואקסט אויף אזא עילוי און "פארברענגט די צייט" מיטן לערנען גפ"ת, בעת ער וואלט וועלן געווען א גוטער קאנדידאט פאר די משכילישער באוועגונג. זיי האבן טאקע געלייגט א האנט אויף אים און פארבירט משכנע צו זיין אז ער זאל גיין לערנען אין גימנאזיע אנשטאט אינעם 'קאוונער כולל'.

ווען דער גרויסער גאון און גרינדער פונעם מוסר באוועגונג - רבי ישראל סאלאנטער, איז געקומען פון מעמעל אויף קאוונע און זיך דערוואוסט פון די משכיל'ישע חלומות, האט ער איבערגעשמועסט דער ענין מיט הגאון רבי יצחק אלחנן, און עס איז באשטומט געווארן צוריק צו שיקן "דעם קליינעם שאגת ארי'" צו זיין היימשטאט – קעלם.

## צוריק קיין קעלם

אין קעלם האבן דאן געוואוינט די גרויסע גאונים וצדיקים, רבי שמחה זיסל זיו – דער אלטער פון קעלם און רבי נפתלי אמסטערדאם, זיי האבן גענומען 'געצעלע' צו זיך. אונטער זייערע פליגלען איז ער ווייטער געשטיגן אין לערנען. יומם ולילה איז ער געזעצן און געלערנט גמרא און הלכה, אויך האט ער שוין געזאגט שיעורים פאר יונגע בחורים און זיין נאמען איז געווארן ברייט באריסמט. דאן האט אים דער גאון רבי ליב חריף גערופן קיין ריטעווע, ווי ער האט אים פארבעטן צו לערנען מיטן גאון רבי צבי יעקב פאפענהיים וואס איז שפעטער געווארן רב אין קעלם.

אום תרל"ב זייענדיג בלויז זיבעצן יאר אלט, האט ער שוין באקומען סמיכה פון די גאונים רבי יצחק אלחנן ספעקטאר פון קאוונע און דער 'בית הלוי' הגאון רבי יוסף דובער הלוי סאלאווייטשיק פון סלוצק, ווי זיי האבן אים באטיטלט אלס "הרב הגאון החריף העצום והבקי הנפלא". אינעם ספר 'דורות האחרונים' ווערט ער באטיטלט אלס א "גאון גדול וצדיק מושל ביראה".

אום תרל"ז האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון א חשובער גביר, רבי יעקב כהן וואס איז געקומען פון גאר א חשוב'ער און רבניש'ער משפחה און געווען פון די נכבדים אין שאוועל. יענע צייט האבן די אינוואוינער פונעם שטאט אלעקסאט, אויפ'ן אינציאטיוו פון הגאון רבי יצחק אלחנן, געשיקט א כתב רבנות צו רבי געצעלע, אבער ער האט דאס קאטאגאריש אפגעזאגט.


הגאון רבי יצחק אלחנן ספעקטאר זצ"ל מקאוונא דער רבי פון הרב גאלדבערג


הגאון רבי צבי הירש ראבינאוויטש-ספעקטאר ממיטאווא, דעם קעלעמער עילוי'ס חבורותא


הגאון רבי צבי הירש לאמפארט אב"ד גאדלעווע וסטאלאוויטש וואס האט באטיטלט דעם עילוי אלס דער "קליינער שאגת ארי'"



רבי יצחק ליפקין, זון פונעם גרינדער פונעם מוסר באוועגונג רבי ישראל סאלאנטער וואס האט געראטעוועט "געצעלע דער עילוי" פון השכלה

## פון א גאונ'ישער עילוי צו א מעדעצינישער דאקטאר

ר' יהודא אליקים האט נישט געוואלט נוצן די תורה אלס א קרדום לחפור בה, ליבערשט האט ער בוחר געווען נהנה צו זיין מיגיע כפיו, דאן איז ער געפארן אויף קעניגסבערג ווי ער האט זיך געלערנט דאקטאריי. דאס איז געווען אינעם זעלבן תקופה וואס הגאון רבי ישראל סאלאנטער האט געוואוינט אין קעניגסבערג. ווידער איז דאס געווען א גלענצענדער געלעגנהייט. רבי ישראל סאלאנטער האט זיך מחי' געווען צו האבן דעם "קלעמער עילוי", מיט זיך. שפעטער איז ער געפארן אויפ'ן ראט פון הגאון רבי עזריאל הילדסהיימער קיין בערלין, דייטשלאנד, ווי ער האט דארט געלערנט אינעם אוניווערזיטעט און ממשיך געווען זיין דאקטאראט.

רבי אליקום יהודא איז געווארן א גרויסער "בויך-דאקטאר" און א מומחה אין דעם פעלד. דאס איז געווארן זיין באשעפטיגונג פון וואס ער האט אפיציעל געצויגן חיונה. אבער, טראץ דעם וואס ער האט געלערנט דאקטעריי אין דייטשלאנד, דאך האט עס אים נישט אוועק געריררט קיין משהו פון זיין שטרענגע צוגעבונדנקייט צו אידישקייט. ער איז באקאנט געווארן אומעטום אלס דר. גאלדבערג אויך אין די רבנישע רייען.

## מעמיד הדת על תילה בארצינו הקדושה

אין יענע צייט האט דער בארימטער באראן ראטהשילד פארפיגט אויף עטליכע מושבים אין ארץ ישראל. דער מצב דארט איז געווען זייער שווער, אבער אויך די צושטאנד פון אידישקייט איז געווארן שוואכער. די לאקאלע 'פקידים' אויף די מושבים זענען געווען גאר געמיינע מענטשן מיט גאר ענגע וויסענשאפט אין די געביטן פון תורה און געטועון פארשידענע מיטלען צו פירן די זידלונגען לויט די רעפארמיסטישע אנשויאונגען פון דייטשלאנד.

אום זומער תרמ"ח האט באראן ראטהשילד געשיקט דעם קלעמער עילוי - שוין באקאנט אלס דאקטאר גאלדבערג, אז ער זאל ארויף פארן קיין ארץ ישראל, צו די מושב 'זכרון יעקב' און זיך אומקוקן אויפן מצב. סיי אלס א לאקאלער דאקטאר און אויך אלס א שטיקל מפקח אויף די מצב פון אידישקייט.

פון נאטור איז ער געווען א זייער א טיכטיגער איבערגעגעבענער און כאראקטער. זייענדיג אכט יאר אלט האט ער שוין געגרינדעט א חברת תקוני ספרים אין קעלם, מען האט דערציילט אויף אים אז אלס קינד פלעגט ער נעמען די מאלצייטן וואס זיין מאמע האט אים



בית המדרש 'חובבי תורה' אויף אלבאני עוועניו, וואס דינט היינט אלס דער צענטער פון ישיבת 'תומכי תמימים' ליובאוויטש

צוגעגרייט און עס פארטיילט פאר אנדערע ארימע קינדער. דערצו האט ער פארקערפערט אין זיך די אייגנשאפטן פון פארגעשריטענע דאקטאריי מיט ברייטע ידיעות אין תורה. איז ער געווען גאר א גוטער קאנדידאט צו זיין דער וואס וועט קענען מאכן דארט סדר.

מיר ליינען טאקע אין א באריכט וואס איז געדרוקט געווארן אינעם 'הצפירה' אום אייר שנת תרמ"ח, עס ווערט דארט דערציילט איבער די שווערער מצב אינעם מושב 'זכרון יעקב', און וועגן דעם וואס דער דאקטאר גאלדבערג האט דארט אויפגעטועט אין בלויז די קורצע צייט וואס ער געפונט זיך דארט מיט זיי.

מיר ווילן ציטירן עטליכע אנעקדאטן:

"די ערשטע זאך האט ער מתקן געווען אן עירוב. ד.ה. אז פון היינט און ווייטער וועט זיין דאס ערשטע מאל וואס מען וועט מטלטל זיין אום שבת בהיתרא... / דער גבאי פונעם שוהל, האט ער אפגעזאגט פון זיין אמט, צוליב זיינע ענגע וויסענשאפט אין הלכה און אויף זיין ארט געשטעלט צוויי אנדערע מענטשן / אזוי אויך האט ער ארויסגעגעבן א "באפעל", אז מען זאל דאווענען אין סידור און נישט קוקן אויפ'ן חזן... / אויך טוט ער צושטערן אלע מנהגים וואס מען האט איינגעפירט אין שוהל ווי די דייטשע רעפארם טעמפלען / נאכ'ן זיך גוט באקענען מיט'ן ציבור, האט ער אוועק געשטעלט חבורות אז יעדער זאל באלאנגען איש על מחנהו ואיש על דגלו. די וואס קענען לערנען גמרא אין א 'חברת ש"ס', אויך א



הארציגע בריוו פון 'זכרון יעקב' איינוואוינער צום באראן ראטהשילד, אז ער זאל זיך אננעמען פאר די באקריוודעס קעגן דר. גאלדבערג'ס




א רעקלאמע אין "דער פאלקסבלאט" אום תרמ"ט וועגן זיין דאקטאריי פראקטיצירונג - צוויי טאג א וואך פריי פאר ארימעלייט



הגאון רבי נפתלי אמשטרדם, אונטער וועמענ'ס פליגלען דער עילוי האט געלערנט אין קעלעם

'חברת משניות' און אנדערע אין א 'חברת תהלים'. ועוד ידו נטוי' אוועק צו שטעלן אנדערע תקונים לחיזוק היהדות / די גאנצער מושב קערט זיך צו וואס ער זאגט, און די איינצעלנע מתבוללים וואס ביז איצט איז געווען ידם על העליונה, מוזן זיך האלטן שטיל ווייל זיי האבן נישט ווער עס זאל זיך צוהערן צו זיי.

אבער דאס האט נישט צו לאנג אנגעהאלטן, דער אויפזעער פונעם מושב האט נישט צו לאנג געשוויגן, און א העפטיגע קריגעריי האט אויסגעבראכן צווישן די צוויי. די קעגנזייטיגע דין ודברים איז דאן געווען ברייט צושמירט אין די זשורנאלן 'הצבי' און 'החבצלת'. נאך עטליכע חדשים אין 'זכרון יעקב' האט ער זיי איבערגעלאזט און נאך אינעם זעלבן יאר איז ער געקומען קיין אמעריקא.

## דאקטאר גאלדבערג קומט קיין אמעריקא

דאס איז געווען פונקט אין די זעלבע צייט וואס עס איז אנגעקומען אהער דער גרויסער גאון, רבי יעקב יוסף, צו דינען אלס 'רב הכולל' פון ניו יארק און מתקן זיין די פירצות הדת אין אמעריקא. רבי יעקב יוסף האט זיך זייער געפרייט צו טרעפן מיט זיין יוגענט-פריינד און איז פארבעטן צו העלפן מיט דער אנטוויקלונג פונעם 'אגודת הקהילות', די צענטראלער קערפערשאפט פון פאראייניגטע קהילות וואס זענען געווען אונטער געבויגן אונטער די פירערשאפט פונעם 'רב הכולל'.

צווישן אנדערע האט אים דער 'רב הכולל' געשטעלט אין שפיץ פון זיין ועד הכשרות. עס ווערט צוגעשריבן צו זיין קרעדיט אויך פארשידענע הילף וואס ער האט געגעבן צו גרונדען אין ניו יארק תלמוד תורה אנשטאלטען; ווי די 'מחזיקי תלמוד תורה' און די 'מאנטיפיורע תלמוד תורה'. אויך אנדערע חברות, ווי די באקאנטע 'עדת ישראל' וואס האט געהאט פיליאלען איבער ניו יארק. ער האט געגרינדעט וואוילטעטיגע גמילת חסדים, משכיל אל דל, הלויית המת, בקור חולים, 'ציון האספיטאל' ארגאניזאציעס.

אויף די עלטערע יארן האט ער זיך


כחא דהתירא
שאלה ותשובה
בעניני קדושין

ספר 'כחא דהיתרא'


צבי חמד
כח התורה
כחא דהיתרא

ספעציעלער ספר 'צבי חמד', מיט'ן טיטל 'כח התורה' קעגן דער 'כחא דהיתרא'



בילד פון די מצבה פונעם פאטער פון קעלמער עילוי אויפ'ן הר הזיתים - חלקת פרושים

אריבער געצויגן צו די 'קראון הייטס' געגענט פון ברוקלין. דארט האט ער געגרינדעט די באקאנטע 'חובבי תורה' שוהל וואס האט זיך קודם געפונען אויף '332 אלבאני עווענו', מען האט דארט געדאווענט ותיקין. שפעטער האט זיך עס אריבער געצויגן אינעם פראכטפולער בנין אויף '885 איסטערן פארקוויי' ווי עס געפונט זיך היינט די הויפט לאקאל פונעם ליובאוויטשער 'ישיבת תומכי תמימים'. (צווישן אנדערע פראמינענטע מתפללים אין דער שוהל איז געווען דער באקאנטער פילאנטראפ ר' ישראל רוקח פון די 'רוקח' עסנווארג פירמע).

אריבער צוואנציג יאר האט ער געוואוינט אין קראון הייטס ווי ער האט אפיציעל משמש געווען אלס רב ואב"ד פונעם 'חובבי תורה' שוהל, "שלא על מנת לקבל פרס". אויך איז ער געווען א רבנ'ישער חבר אינעם 'אגודת הרבנים' פאראיין.

## ספר "כחא דהתירא" און די שערוריה

זיינע טיפזיניגע חידושי תורה איבער מערערע טעמעס, זענען ערשינען אין מערערע תורה-זשורנאלן ווי 'יגדיל תורה', 'עץ חיים', 'הכתוב לחיים' און נאך, אבער אממייסטענס באקאנט צווישן זיינע ווערק איז דער ספר 'כוחא דהתירא' ווי ער האט קאמבינירט זיינע קענטעניס פון תורה און דאקטאריי, פראבירנדיג צו באווייזן די כחא דהתירא. עס האט זיך געהאנדלט וועגן גאר א קאמפליצירטער און סענסיטיווער ענין ווי דער עילוי האט מיט זיינע כשרונות מתיר געווען אן עגונה.

אבער ווי פארשטענדליך האט ער דערמיט א ארויסגערופען קאנטראווערסיע. הגאון רבי צבי הירש פריעדמאן מסאבראנץ, וואס האט ארויס געגעבן א גאנצע סעריע פון ספרים אונטערן טיטל 'צבי וחמיד', טוט ווידמען א גאנצער חיבור צו באווייזן די אומרעכט פון דר. גאלדבערג'ס פסק. ווען ער ברענגט אראפ שטיקל-ווייז ציטאטן פונעם ספר 'כחא דהתירא' און ביי דער זייט זיין שטעלונג אונטערן טיטל 'כח התורה'.

דא איז נישט דאס ארט אריין צו גיין אינעם גאנצן דין ודברים. מען קען אבער דערקענען פונעם צוגאנג, אז דער סאבראנצער רב - כאטש וואס ער האט גענומען גאר א שטייפער שטעלונג קעגן דר. גאלדבערג, דאך האט ער געוויזן עטוואס עפעס איינגעהאלטענקייט מחמת כבודו פונעם דאקטאר. ווי דער סאבראנצער רב באטאנט, איז ביי אים נישט קיין ספק אז דר. גאלדבערג'ס כוונה איז געווען אינגאנצען לשם שמים. אבער וויבאלד עס קען דערפון ארויס קומען אן אומגעהויערע מכשול פון אזעלכע וואס קענען נישט מדמה זיין מלתא למלתא, דערפאר שפירט ער פאר א חוב צו באווייזן די אומרעכט פון דר. גאלדבערג'ס פסק.

עס איז זיכער נישט קיין ספק אז די 'שערורי' האט אריין געליגט דעם 'קעלעמער עילוי' אין א שווארצן ליכט מיט קעגנזייטיגע טענות, מיר זענען אבער נישט באקאנט מיט די דעמאלטסדיגע פרטים.

דער עילוי'אישער דאקטאר און גאון רבי יהודה אלקים גאלדבערג איז נפטר געווארן אום ב' דר"ח אדר, שנת תש"א און געברענגט געווארן לקבורה אינעם וואשינגטאן סעמיטערי.

**יהא זכרו ברוך.**